# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת בהעלותך

י״ח סיון תשפ״א

יאר 1 גליון 27

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - אדל יאקאבאוויטש



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען שיינע נייע מעקערס אין ש׳כח אייבערשטער אז איך האב באקומען נייע קיוט אירעיסערס!

### ערשטע קלאס - פייגא חנה מזרחי



איך האב פארלוירן מיין געים, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב געטראפן מיין געים!

### צווייטע קלאס - פערעלע לעזער



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז מיר זאלן שוין מופן צו שטעטל, און ש׳כח אייבערשטער אז אונז גייען אי״ה מופן!

### פערדע קלאס - רבקי שארף



איך האב באקומען ברעיסיס, און איך האב זייער אסאך געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל נישט וויי טון ווען מען לייגט עס ארויף, און ש׳כח אייבערשטער אז איך האב גארנישט געפילט ווען מען האט עס ארויפגעלייגט!

### עלטסטע קלאס - הינדא ריקל כהן



איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען זיין די הייליגע יום טוב שבועות אין שטעטל, און ש׳כח אייבערשטער איך בין געווען אין שטעטל!

### בית פיגא ליבערטי - ליבי אינדיג



איך האב געזען ווי א מיידל איז טרויריג, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל איר קענען מאכן פרייליך, און ש׳כח אייבערשטער אזאיך האב איר געקענט מאכן זייער פרייליך!

## נייעס אין בית פיגא

בית פיגא וויליאמסבורג: ערשטע קלאס גרייט זיך שוין פאר זייער סידור פלעי, זיי זינגען אזוי שיין אלע ניגונים, און זיי קענען עס שוין אזוי גוט! זיי ווען אי״ה פארשטעלן די מעשה פון ישראליק, דער קליינער אינגל וואס זיין טאטע איז נפטר געווארן און וואס ער האט געדארפט האט ער געבעטן נאר פון די אייבערשטער! מיר קענען שוין קוים ווארטן עס צו זען...

בית פיגא ליבערטי: די וואך איז פארגעקומען די הערליכע גראדאעישין פון פרי 1 עי אין שטעטל! אלע מאמעס זענען געקומען עס מיטהאלטן, עס איז געווען ב״ה הערליך שיין! אלע מיידלעך זענען ב״ה אזוי דרך ארץ׳דיג און וואויל און זיי זענען שוין כמעט גרייט צו אריינגיין אין ערשטע קלאס!

מיר האבן א פרייליכע מדות פראגראם, פאר אלע וואוילע מיידלעך וואס טשעפענען נישט, און געבן אכטונג אויף א צווייטע מיידל׳ס געפילן וועט אי״ה קענען גיין אויף א מעכטיגע טריפ! מיר קענען קוים ווארטן...

# א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך

יום א' פרשת חקת, ד' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך הער פון דיינע טיטשערס זייער שיינע זאכן אויף דיר; זיי זאגן אז דיין דרך ארץ איז צום באוואונדערן, איך געבסטו אכטונג אויף די געפילן פון א צווייטן אז קיינער זאל נישט ווערן באליידיגט דורך דיר, מדה כנגד מדה וועט דער אייבערשטער אכטונג געבן אויף דיר אז דו זאלסט נישט באליידיגט ווערן.

מוהרא"ש האט דערציילט א מעשה, אמאל איז געווען א איד וואס פלעגט יעדע וואך געבן געלט פארן הייליגן צדיק רבי ר' זושא פון האניפאלי זכותו יגן עלינו. דער איד האט זייער שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, איינמאל איז ער געקומען צום הייליגן רבי ר' זושא ברענגען געלט אזוי ווי זיין מנהג איז געווען, אבער נאר די רעבעצין איז געווען אין שטוב, זי האט אים געזאגט אז רבי ר' זושא איז נישט אין שטוב ווייל ער איז געפארן צו זיין רבי'ן. ווען דער איד האט דאס געהערט איז ער געבליבן שטיין פארוואונדערט, ער האט געטראכט צו זיך: 'איך האב געמיינט אז ער אליינס איז א רבי, יעצט הער איך אז ער האט א רבי...' האט זיך דער איד געמאכט אזא חשבון: 'מה-דאך ווען איך האב געברענגט געלט פאר ר' זושא וואס ער איז נישט קיין רבי האב איך זייער שיין מצליח געווען, איז דאך זיכער אז אויב איך וועל פון היינט און ווייטער טראגן דאס געלט פאר דעם רבי'ן פון רבי זושא וועל איך זיכער ווערן א גרויסער עושר'. דער איד האט געפרעגט די רעביצין ווער עס איז דער רבי פון ר' זושא, האט זי אים געזאגט אז זיין רבי איז דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו. דער איד האט זינט דעמאלט אויפגעהערט ברענגען געלט פאר דעם הייליגן רבי זושא זי"ע, ער האט געטראגן דאס געלט גלייך קיין מעזריטש צום הייליגן מגיד, אבער פון דעמאלט אן האט זיך דאס רעדל געגעבן א דריי און ער איז ער אלץ געגאנגען מטה מטה.

דער איד האט נישט געקענט פארשטיין וואס עס גייט דא פאר, פארוואס פארלירט ער זיין געלט... האט ער מחליט געווען צו גיין פרעגן דעם הייליגן רבי ר' זושא אליינס. האט אים דער הייליגער רבי ר' זושא געענטפערט: די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ט.): "בְּמִדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִים לוֹ", ווי אזוי א מענטש פירט זיך דא אויף דער וועלט אזוי פירט מען זיך מיט אים פון הימל; ווילאנג דו האסט מיר געברענגט געלט און דו האסט נישט געזוכט צו געבן דוקא פארן גרעסטן צדיק האט מען פון הימל אויך נישט נאכגעקוקט ווער דו ביסט; צי דו ביסט א גרויסער צדיק. אבער ווען דו האסט מיר אויפגעהערט צו ברענגען געלט ווייל דו האסט געזוכט צו געבן נאר פארן גרעסטן צדיק, האט מען אין הימל אנגעפאנגען קוקן אויף דיר מיט א פארגרעסערונג גלאז צי דו ביסט יא ווערד מען זאל דיר געבן געלט..." הערנדיג די פארכטיגע ווערטער האט זיך דער איד אונטער געגומען ווייטער צו ברענגען געלט פארן רבי'ן רבי זושא זי"ע, און פון דעמאלט אן האט ער ווייטער מצליח געווען.

זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש געבט אכטונג אויף א צווייטן איד וועט מען פון הימל אים אפהיטן. דעריבער בעט איך דיר זייער דו זאלסט זיך חבר'ן מיט אלע מיידלעך, בפרט מיט די מיידלעך וואס קיינער וויל נישט זיין זייער חבר'טע, וועט דער אייבערשטער דיר אפהיטן פון הימל.

יואל רוטה

# א מעשה פון א צדיקת

יעדער האט זיך אלעמאל געוואונדערט, ווי אזוי האט קמחית זוכה געווען צו אזעלכע הייליגע קינדער? קמחות איז געווען א פרוי אין ארץ ישראל אין די צייטן פון די בית המקדש. זי איז געווען זייער א ערליכע, צניעות'דיגע פרוי. זי האט געהאט 7 זון, וואס אלע פון זיי זענען געווען כהנים גדולים, אלע האבן געהאט די זכי' צו טון די הייליגסטע עבודה אין די בית המקדש. די הייליגע חכמים האבן איר געפרעגט, וויאזוי האט זי זוכה געווען צו דעם? האט זי געענפערט, "ווייל איך האב זיך שטענדיג געפירט זייער צניעות'דיג, אכטונג געגעבן אז אפילו די ווענט פון מיין הויז זאלן קיינמאל נישט זעהן מיין האר." אין זכות פון דעם וואס זי איז אלעמאל געגאנגען אנגעטון צניעות'דיג און זיך אויפגעפירט איידל, און זי האט זייער אכטונג געגעבן אז די ווענט פון איר הויז זאלן קיינמאל נישט זען אירע האר, האט זי זוכה געווען צו אזעלכע ערליכע קינדער.

**לאמיר זיך אלע אפלערנען פון די צדיקת קמחית, און זיך שטענדיג אויפפירן בצניעות, אפילו ווען קיינדער איז נישט אינדערהיים, דארף מען אויך זיין צניעות'דיג, ווייל דער אייבערשטער איז דאך דא. אסאך מיידלעך מיינען אז צניעות גייט נאר אן פארנט פון אנדערע מענטשן. און אזוי וועלן מיר אויך זוכה זיין צו ערליכע קינדער. לאמיר זיך אפלערנען פון קמחית און שטענדיג גיין אנגעטון בצניעות, אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו ערליכע קינדער.**



# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי׳

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן ווי לעכטיג דיין פנים איז מיט דיין גרויסע שמייכל! דו האסט אזא שטארקע און זיסע קול, אז די גאנצע דאווענען איז אזויפיל שענער ווען דו דאווענסט מיט! איך זע ווי דו פרובירסט צו זיין שמייכל׳דיג און געבן קאמפלימענטס פאר אנדערע מיידלעך, דו לעבסט זיי ממש אויף!

אויב דו וועסט יעדן טאג געבן איין קאמפלימענט פאר א מיידל, וועסטו זעהן אז יעדער וועט דיך ליב האבן, און דו וועסט אליינס ווערן מער פרייליך! איך האב זייער הנאה אז דו געבסט אוועק דיין ריסעס צו גיין צו די קליינע קינדער, און דו קומסט צוריק אין צייט צו לערנען הלכות.

עס איז א גרויסע זכות צו העלפן די רבי!

מיט ליבשאפט,



## ספר המדות ווינקל

### אות בושה

כה. הַחוֹטֵא יִתְבַּיֵּשׁ בָּעוֹלָם הַבָּא בִּפְנֵי רַבּוֹתָיו (אֲבוֹתָיו).

דער וואס זינדיגט וועט זיך שעמען פאר זיין רבנים אין עולם הבא.




כו. הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד-חָכָם, אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ.

ווער עס פארשעמט א תלמוד חכם איז נישט דא קיין רפואה אים צו היילן.

## קוואל פון חיזוק



איך בין נישט דיין שמאטע...

הערט א שיעור פון מרת לעזער

212-444-9169

2,4,2,108

## RECIPE

### JAM FILLED COOKIES



4 sticks margarine

4 cups flour

1 c confectioners' sugar

1 Tbs. vanilla extract

1 Tbs. vanilla sugar

½ tsp. salt

Jam flavor of choice

confectioners' sugar for sprinkling

Preheat oven 325°.
In mixer fitted with dough hook combine all ingredients. Mix to form a smooth dough. Form balls using a small scooper.
Place balls onto lined cookie sheet.
Gently indent center of each cookie and fill w ½ tsp. jam.
Bake for 16-17 min. cool completely. Sprinkle w confectioners'
Yield 60 cookies.

נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!



## א גוט שבת!

זמן שבת: 8:03

זמן מוצש״ק: 9:31